**[אין** דעם מאמר וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן] אויף [לערנען] אין דעם יום ההסתלקות הויבט אָן דער רבי מיט ״באתי לגני״:

**באתי** לגני אחותי כלה, זאָגט ער אויף דערויף אין מדרש רבה אויף אַן אָרט, אַז ״לגן״ אין כתיב כאן, נאָר וואָס דען? - ס׳שטייט ״לגני״ – ״לגנוני״, דאָס הייסט ״למקום שהי׳ עיקרו בתחילה״, וואָרום ״עיקר שכינה״ איז דאָך ״בתחתונים היתה״. וואָס איז דאָ דער דיוק הלשון ״דעיקר שכינה״? זאָגט אויף דערויף דער אַלטער רבי, אַז ״שכינה״ איז דאָס מלשון ״ושכנתי בתוכם״, וואָס דאָס איז ״שוכנת ומתלבשת״, און זאָגט אויף דערויף, אַז דאָס איז ״ראשית ההתגלות דאור אין-סוף״. וויבאַלד אַז ער זאָגט אויף דערויף, אַז (דאָס איז) **ראשית** ההתגלות ווערט שוין אויך אָנגערופן בשם ״שכינה״, איז דאָך דערפון אַליין מובן, אַז דאָס איז דאָ למעלה מעלה, ביז לפני הצמצום. וואָרום ראשית ההתגלות איז דאָך געווען שוין אפילו אין לפני הצמצום. וואָס דערפאַר שרייבט דאָך דער מיטעלער רבי, אַז דער קו לגבי אור אין-סוף ווערט אָנגערופן בשם ״שכינה״. במילא איז דאָס דאָ אין יעדער אָרט לפי ענינו. [איז לגבי **אצי]לות**, ווערט אָנגערופן מלכות [בשם ״שכינה״]. און אין וואָס פאַר אַן אופן מלכות, שרייבט אויף דערויף [דער צמח-צדק], אַז דוקא מלכות ווען זי ווערט עתיק [בבריאה], משא״כ ווען מלכות שטייט נאָך באצילות, וואָס דעמאָלט איז דאָך ״היא **באחדות** עמהם״, איז ווערט זי ניט אָנגערופן בשם ״שכינה״. און דאָס איז ניט קיין סתירה צו דערויף וואָס דער מיטעלער רבי זאָגט, דערפאַר וואָס (דאָס איז אַ נפקא מינה) דאָס איז ווי יעדערער איז במקומו. איז דער עצם ענין פון שכינה איז דאָס מלכות ווי זי ווערט עתיק בבריאה, משא״כ דער **שורש** אויף דערויף, איז דאָס דער קו לגבי אור אין-סוף. וואָס (אַ טעם) איינער פון די טעמים פאַרוואָס דער קו ווערט אָנגערופן בשם ״שכינה״ לגבי אור אין-סוף, זאָגט אויף דערויף דער רבי מהר״ש, דערפאַר וואָס דער קו איז ער דערנאָך נתלבש אין עולמות און אין נשמות ישראל, איז מצד אָט דעם טעם, איז אפילו **בראשיתו** ווערט ער שוין אויך אָנגערופן בשם ״שכינה״. נאָך העכער דערפון – אָדער ווי דער רבי נ״ע זאָגט אויף דערויף ״בשרשו הראשון״ – איז אפילו למעלה מהצמצום, אין דעם אור וואָס ער איז **לפני** הצמצום, איז דאָך אין אים איז דאָ בכלל דריי דרגות: ס׳איז דאָ דער **עצם** האור. דערנאָך איז דאָ די **התפשטות** האור – דער גילוי האור, אָבער ווי ער איז **לעצמו** - וואָס דאָס איז דער מקור אויף **סובב** כל עלמין. דערנאָך איז דאָ דער גילוי האור ווי ער איז (ש... וואָס ער האָט שוין) גילוי בשביל **העולמות**, וואָס דאָס איז דער מקור אויף **ממלא** כל עלמין, איז במילא איז דאָס איז דער שורש הראשון פון שכינה, (ווי ער איז) ווי דאָס איז לפני הצמצום – כאָטש אפילו אין פועל ממש קאָן אפילו דערפון ניט זיין קיין מקור לעולמות, סיידן ס׳איז דאָ פריער דער צמצום, און וועלכער צמצום? – דער צמצום הראשון, וואָס דאָס ווערט אָנגערופן בשם ״סילוק״. איז ער דאָ מדייק, דער רבי דער שווער,

און זאָגט ״**עיקר** שכינה בתחתונים היתה״, אַז וואָס זאָגט מען, אַז וואָס איז געווען ״בתחתונים״? זאָל מען ניט מיינען, אַז דאָס האַנדלט זיך וועגן אַ ענין פון ״שכינה״, אָדער ווי לגבי עולם האצילות אָדער ווי לגבי אור אין-סוף ב״ה, נאָר וואָס דען – דאָס איז דער ״**עיקר** שכינה״; (אָט!? וואָס!?) דער עיקריות ופנימיות וואָס ס׳איז דאָ אין דעם ענין פון ״שכינה״, איז דוקא אָט דער ענין וואו איז ער געווען? - דוקא **בתחתונים**.

**ב) (און** כדי) וואָס מיינט ער ״בתחתונים״? - ברענגט ער דאָך ווייטער אַראָפּ דעם לשון המדרש, אַז דאָס מיינט מען בפועל דעם עולם הזה, (דעם אונט... אָט די דער) די ארץ הגשמית. און ער ברענגט ווייטער אַראָפּ פון מדרש, אַז ״עיקר שכינה בתחתונים היתה״, ביז וואַנעט ס׳איז געווען דער חטא עץ הדעת, איז אָט דעמאָלט (איז) האָט מען מסלק געווען די שכינה פון ארץ לרקיע. וואָס דאָס איז דאָך געווען דער עיקר הסילוק. פונקט אַזוי ווי בפשטות, איז דער חטא עץ הדעת געווען (דער) [די] סיבה און דער נתינת מקום, אַז ס׳זאָל דערנאָך קאָנען זיין דער חטא קין והבל און חטא המבול, מיט אָט די אַלע וואָס האָבן מסלק געווען דערנאָך פון רקיע א׳ לב׳ און אַזוי העכער – איז אָט אַזוי איז אויך אין דעם **פנימיות** הענין, איז וואָס איז געווען דער עיקר ענין הסילוק? - איז דאָס אָט דאָס אלץ וואָס ס׳האָט זיך אָפּגעטאָן ״בתחתונים״, וואָס מ׳האָט מסלק געווען די שכינה פון עולם הזה, פון דעם עולם הזה התחתון. [כפה״נ חסרה כאן תיבה] פונקט אַזוי ווי דאָ איז געווען דער ״**עיקר** שכינה״ וואָס ס׳איז ניטאָ העכער, אין די **העכערע** עולמות, איז אָט אַזוי איז וואו הערט זיך אָן דער עיקר החטא, און (וואָס איז נוגע) וואו איז מער נוגע דער עיקר החטא? – איז דאָס נוגע דוקא אין דעם חטא עץ הדעת, וואָס ער האָט מסלק געווען [די שכינה] מארץ לרקיע הא׳. וואָס דערפאַר טיילט דאָס אויך אָפּ דער רבי אין דעם מאמר און איז דאָס מפריד בפני עצמו, (און) משא״כ פון רקיע הא׳ לב׳ וג׳ איז שטעלט ער דאָס ביידע צוזאַמען. [אַ חוץ דערויף וואָס דאָס איז **אונז** נוגע – איז אָט אַזוי איז אויך אין פנימיות הענינים, איז דאָך **עיקר** שכינה איז דאָך דוקא געווען דוקא דאָ **למטה**, איז אָט אַזוי איז אויכעט, וואו איז אונז נוגע דער סילוק?– איז אונז דער עיקר נוגע אָט דער סילוק (וואָס מ׳האָט אַראָפּגענומען) וואָס מ׳האָט מסלק געווען פון ארץ לרקיע הא׳].

**דערנאָך** זאָגט ער: ביז וואַנענט ס׳זיינען געקומען ז׳ צדיקים און האָבן צוריק ממשיך געווען די שכינה פון רקיע הז׳ לו׳ און אַזוי ווייטער, און דער רבי מאַכט דערפון בקיצור, ביז וואַנעט ס׳איז געקומען משה רבינו, וואָס ״כל השביעין חביבין״, און ער האָט ממשיך געווען די שכינה פון רקיע הא׳ לארץ. וואָס פונקט אַזוי ווי אין **סילוק** איז **דאָס** איז אונז (אַממע[רסטנס]) נוגע, איז אָט אַזוי איז אויך אין דער המשכה **מלמעלה** למטה, איז וואָס איז אונז נוגע, און וואָס איז נוגע אין **פנימיות** הענינים? – איז אָט דאָס וואָס משה רבינו האָט דאָס ממשיך געווען פון רקיע הא׳ (אין ארץ אין) דאָ למטה, לארץ.

**ג) שטעלט** אויף דערויף דער רבי אין חצאי עיגול: וואָס ״כל השביעין חביבין״. **ע״כ נבדק**

דערפון וואָס דער לשון איז, ניט "כל החביבין שביעין", נאָר "כל השביעין חביבין", איז דאָך משמע, אַז וואָס איז די **מעלה** בזה? – איז אָט דאָס וואָס ער איז אַ **שביעי**. וואָס לכאורה איז דאָס דאָך אַ ענין וואָס דאָס איז ניט בבחירתו. בשעת מ'זאָגט אויף אַ זאַך, אַז דאָס איז אַ זאַך אַ חביב, קאָן דאָך דאָס זיין אַ ענין וואָס ס'איז געווען תלוי ברצונו ובעבודתו ובבחירתו; בשעת אָבער מ'זאָגט, אַז פאַרוואָס איז דאָס אַ חביבות, דערפאַר וואָס ער איז אַ שביעי – איז דאָס וואָס ער איז אַ שביעי איז קומט דאָך דאָס בתולדה. זאָגט מען, אַז (אָט די) די גרעסטע זאַך וואָס האָט אַראָפּגעבראַכט תורה, (אין דעם) אויף מסלק זיין דעם עיקר ענין וואָס ס'איז [חסר קצת. וכפה"נ שצ"ל: שנגרם ע"י חטא עץ הדעת ושאר החטאים – ה"ז מה שמשה הוא השביעי, וכל השביעין חביבין. ובהמאמר הנדפס: ...מצד התולדה, ובכ"ז הנה כל השביעין חביבין. ולכן זכה משה שתנתן התורה על ידו ("ולכן . . ידו" הובא בסרט-הקלטה **להלן**). והנה ביאר כ"ק מו"ח אדמו"ר (בתחילת בואו לאמריקה)], אַז דאָס וואָס מ'זאָגט אַ מעלה אויף שביעי, איז אין דערויף גופא איז ניכר די מעלה פון ראשון. וואָרום מ'זאָגט, אַז (וואָס איז) פאַרוואָס איז ער חביב? – דערפאַר וואָס ער איז אַ שביעי לראשון. און אין וואָס איז געווען אָט די חביבות – וואָס "לראשון" גייט אויף אברהם אבינו – ברענגט דאָרט דער רבי אַראָפּ אין מאמר, וואָס אברהם אבינו איז געווען עבודתו במסירת נפש. איז זיך דער רבי דערמיט ניט מסתפק און זאָגט, (אַז דער??) – – דאָרט איז דאָס ניט נוגע לענינו, שטעלט אָבער דער רבי אַריין, אַז דאָס איז ניט געווען ווי די מסירת נפש פון רבי עקיבא, וואָרום מסירת נפש פון ר' עקיבא איז געווען וואָס ער אָט געזוכט דעם ענין פון מסירת נפש, "מתי יבוא לידי ואקיימנו", משא"כ אברהם אבינו'ס מסירת נפש איז דאָס געווען באַ אים אַן ענין בדרך אגב: ער אָט געוואוסט, אַז די עבודה דאַרף זיין "ויקרא שם בשם הוי' (אל) א-ל עולם", "אל תקרא וַיִקְרָא אלא וַיַקְרִיא", אַז **אַנדערע** זאָל אָנהויבן שרייען, במילא איז ער געגאַנגען לעבודתו, האָט זיך געמאַכט בדרך אגב אַן ענין פון מסירת נפש – האָט דאָס אויך ניט געפעלט. איז אָט דער ענין פון מסירת נפש איז דאָס אויף אַזוי פיל דער עיקר כל העבודה, אַז אפילו בשעת מ'רעדט וועגן **משה רבינו**, וואָס ער איז זכה שתנתן התורה על ידו, פאַרוואָס, דערפאַר וואָס "כל השביעין חביבין" – זאָגט מען אויף אים "במקום גדולים אל תעמוד", און מ'זאָגט, אַז וואָס איז די מעלה פון "כל השביעין"? – אָט דאָס וואָס ער איז אַ שביעי לראשון. דאָס הייסט, אַז אויב אפילו בבחירתו ניט, און בעבודתו ניט, נאָר וואָס דען מ'באַקומט פאַרטיקערהייט, זאָל מען ניט מיינען, אַז אָט דעמאָלט איז מען אַ מוגבל, (און מ'קאָן ניט זאָגן) און ס'קען זיין אַזוינע ענינים וואָס "נפלאת היא" – זאָגט מען אויף דערויף, און חסידות ברענגט דאָס אַראָפּ אין אַ סך ערטער, אַז יעדער איד, אפילו עבד אפילו שפחה, [(קאָן ער) איז ער ראוי אויף אים זאָל שורה זיין רוח-הקודש. – אָבער דאָס איז ניט נוגע צו אונזער אות], קאָן ער זאָגן "מתי יגיעו מעשי למעשי אבותי אברהם יצחק ויעקב". נאָר וואָס דען, ביי זיך דאַרף מען ניט זיין געגאַרט, און מ'דאַרף וויסן, אַז "במקום גדולים אל תעמוד", און די גאַנצע מעלה וואָס מ'האָט – איז אָט דאָס וואָס מ'איז אַ שביעי

לראשון. וואָס, וואָס איז געווען די עבודה פון דעם ראשון, [חסר קצת. ובהמאמר הנדפס: אַז ער קען דורכפיהרן עבודת ושליחות הראשון דאל תקרא ויקרא אלא ויקריא. וזהו החביבות דהשביעי שהוא הממשיך השכינה, ולא עוד אלא שממשיך עיקר השכינה, ועוד יותר שממשיך בתחתונים.] . . וואָס דאָס ווערט . . **עיקר** שכינה, און ווי דער רבי איז דאָס מבאר ווייטער אין דעם מאמר.

[**בהמאמר** הנדפס ניתוסף שם קטע: והנה זה תובעים מכאו״א מאתנו דור השביעי, דכל השביעין חביבין, דעם היות שזה שאנחנו בדור השביעי הוא לא עפ״י בחירתנו ולא ע״י עבודתנו, ובכמה ענינים אפשר שלא כפי רצוננו, מ״מ הנה כל השביעין חביבין, שנמצאים אנחנו בעיקבתא דמשיחא, בסיומא דעיקבתא, והעבודה – לגמור המשכת השכינה, ולא רק שכינה כ״א עיקר שכינה, ובתחתונים דוקא].

[**אח״כ** אמר: איך וועל מפסיק און איר וועט זאָגן לחיים. (וואָס וועט זיין דער תכלית, אַז איך וועל זאָגן און...) [בשיחה המוגהה: אחר כך הפסיק וצוה לנגן ניגון ה״בינוני״, ואמר: (כ״ק מו״ח אדמו״ר) [דער רבי דער שווער] האָט מחבב געווען דעם ניגון. אח״כ צוה לנגן ניגון מכ״ק אדמו״ר נ״ע. ואח״כ המשיך המאמר: והנה נאָך דעם וואָס ער איז מבאר אין מאמר דעיקר שכינה בתחתונים היתה...].

**ד) אָט** דאָס וואָס ער האָט פריער געזאָגט, אַז ״עיקר שכינה **בתחתונים** היתה״, און דערנאָך האָט דאָך דאָס דער שביעי ממשיך געווען למטה בארץ, איז וואו איז געווען דער עיקר הגילוי – איז ער געווען בבית המקדש. און ברענגט גלייך אויף דערויף אַראָפּ דעם פסוק דכתיב ״ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם״, ״בתוכו לא נאמר אלא בתוכם, בתוך כל אחד ואחד מישראל. און זאָגט אויף דערויף, אַז אָט דאָס איז אויך וואָס ס׳שטייט אין פסוק ״צדיקים יירשו ארץ וישכנו לעד עלי׳״, אַז צדיקים זיינען יורש ארץ, וואָס דאָס מיינט מען גן עדן. מוז מען זאָגן, אַז דער רבי מיינט דאָס ניט דעם גן עדן וואָס איז לאחר מאה ועשרים שנה, וואָרום מ׳רעדט דאָך דאָ וועגן עיקר שכינה **בתחתונים** היתה, נאָר וואָס דען, דאָס איז על דרך דוגמא ווי אדם הראשון קודם החטא – וואָס דאָס האָט דאָך משה רבינו מתקן געווען – איז דאָך דעמאָלט געווען זיין עבודה בגן עדן. גן עדן איז דאָך געווען ניט אַ ענין פון נתינת שכר אַליין, נאָר דאָרט איז דאָך אויך געווען דער ענין פון ״לעבדה ולשמרה״. פאַרוואָס האָבן דאָס צדיקים? דערפאַר וואָס ״וישכנו לעד עלי׳״, [אָט דעם ענין פון ״שוכן עד מרום וקדוש״, וואָס דער רבי איז דאָ ניט מבאר, אָבער ווי ס׳ווערט מבואר אין לקוטי תורה על פי דערויף וואָס ס׳שטייט אין זהר], איז זיי זיינען דאָס ממשיך ״עליה״, אין אָט דעם ארץ. און אָט דאָס איז דער רבי מסיים אָט דאָס וואָס מ׳זאָגט ״לגנוני״, וואָס דאָרט איז געווען די עיקר שכינה בתחתונים. זאָגט אויך דערויף דער רבי ווייטער: ״וביאור הענין״, כדי צו פאַרשטיין אָט דאָס גופא פאַרוואָס איז דאָס טאַקע,

אַז עיקר שכינה איז געווען בתחתונים, זאָגט ער, אַז דער בריאת והשתלשלות העולמות איז געווען דערפאַר וואָס ״נתאווה הקב״ה להיות לו יתברך דירה בתחתונים״.

**איז** דאָס מבאר דער אלטער רבי אין תניא, אַז פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? וואָרום מ׳קאָן ניט זאָגן, אַז בריאת והשתלשלות העולמות איז געווען צוליב די עולמות **העליונים**, דערפאַר וואָס עולמות העליונים איז דאָך ״**ירידה** להם מאור פניו יתברך״, קאָן מען דאָך ניט זאָגן, אַז דער ענין הבריאה איז געווען צוליב אַן ענין פון ירידה. וואָרום די בריאה איז דאָך געווען מצד **עצם**, ווי ס׳שטייט אין אגרת הקודש, אַז פון וואַנענט נעמט זיך דער ענין הבריאה? איז פון אָט דעם אָרט וואָס ״מציאותו מעצמותו״ וואָס ס׳איז ניטאָ קיין סיבה קודמת לו חס ושלום. במילא איז דאָס דאָך ניט אַ ענין פון **גילויים**; דאָס איז אַ ענין פון **עצם**. איז אויב מיר זאָלן זאָגן, אַז דאָס איז געווען צוליב עולמות העליונים, וואָס אפילו עולם האצילות (שטייט דאָך) איז דאָך דאָס אַ ענין פון גילוי ההעלם, איז דאָך דאָס אַ ענין פון גילויים, קאָן מען דאָך ניט זאָגן, אַז עצם איז דאָס צוליב גילויים. איז דאָס דאָך ״**ירידה** מאור פניו יתברך״. איז דאָס איז דאָך (דאָ) מסביר דאָס דער מיטעלער רבי אין ביאורי הזהר פון היינטיקער סדרה, אַז דאָס איז אַ הכרח אַז דער עיקר איז דאָס דאָס צוליב עולם התחתון, וואָס אין עולם התחתון זעט מען דאָך, אַז ס׳איז דאָ אַ ענין פון אַ ״יש הנברא״, וואָס (ער) אים איז נדמֶה, אַז מציאותו מעצמותו און ער האָט ניט קיין סיבה קודמת. אַלע עולמות העליונים [ווי דער רבי רעדט אין המשך פון ר״ה], אַז בשעת מ׳זעט אור האָט מען דערפון אַ ראי׳ אויף מאור, בשעת אָבער מ׳זעט יש הנברא, איז ניט נאָר דאָס איז ניט קיין ראי׳ אויפן בורא – פאַרקערט דאָס איז נאָך אַ העלם והסתר. איז כאָטש אפילו באמת איז ער דאָך מער ניט ווי אַ נברא (מיש ל) מאין ליש, אָבער אָט דאָס גופא וואָס ס׳קאָן זיין אַ מציאות, אַז בעיני עצמו זאָל זיין נדמה, אַז מציאותו מעצמותו – שרייבט דער מיטעלער רבי פאַרוואָס קאָן דאָס זיין? – דערפאַר וואָס ער נעמט זיך פון אַזאַ אָרט וואָס **דאָרט** איז מציאותו מעצמותו. במילא איז זאָגן אויף עולמות העליונים, אַז צוליב דערויף איז געווען בריאת והשתלשלות העולמות – קאָן מען ניט זאָגן, אַז עצם טוט צוליב אַן ענין פון גילוי. משא״כ אין עולם הזה התחתון, וואָס אָט דאָ איז דאָ אַ זאַך וואָס ביי אים קאָן זיין נדמה, אַז דאָס איז ניט קיין גילוי נאָר וואָס דען דאָס איז אַן עצם, און (נאָך) לאחר העבודה, ווי ער איז מסיים אין תניא, אַז דורך דערויף וואָס ס׳וועט זיין אתכפיא ואתהפכא סטרא אחרא וועט דאָך דאָ **נתגלה** ווערן דער ענין פון עצם – איז אויף דערויף קאָן מען זאָגן, אַז צוליב דערויף איז געווען דער בריאת והשתלשלות העולמות.

**ה) איז** לא מבעי נאָך דער שיטה וואָס דער צמח צדק ברענגט, אַז אפילו כלים דאצילות איז מער ניט ווי גילוי ההעלם, קאָן מען דאָך זיכער ניט זאָגן, אַז דאָס איז צוליב אצילות, וואָרום דאָס איז דאָך מער ניט ווי **גילוי**. אפילו נאָך דער שיטה וואָס דער צמח צדק ברענגט אין דעם דרוש פון ״ג׳ שיטות״, אַז כלים דאצילות איז דאָס אַ בריאה יש מאין, איז דאָ דאָרט

גלייך דער צמח צדק אָבּער מבאר, אַז דאָס איז ניט אַ בריאה יש מאין (בדומ) ממש אַזוי ווי דאָ למטה, נאָר וואָס דען, לגבי דעם **אור** ווערט דאָס טאַקע אָנגערופן בשם בריאה, דערפאַר וואָס שרשו איז פון רשימה, [אָבּער קיין בריאה יש מאין איז דאָס ניט, ס׳איז מער ניט [ווי] אַ גילוי ההעלם, נאָר וואָס דען, ניט פון אור נאָר פון רשימה]. דורך וואָס פועל׳ט מען, אַז ס׳זאָל זיין דער דירה לו יתברך דאָ בתחתונים? פועל׳ט מען דאָס, ווי דער אלטער רבי איז ממשיך דאָרט אין תניא, דורך די עבודה פון אתכפיא מיט אתהפכא. איז כאָטש אפילו מ׳ווייס, אַז דערווייילע איז דאָך מער ניט ווי ״להוסיף אורות באצילות״, הייַנט ווי קאָן מען זאָגן, אַז ס׳איז דירה לו יתברך בתחתונים **איצטער**? איז אָבּער מבאר אויף דערויף דער רבי מהר״ש און זאָגט, אַז כאָטש אפילו מיר זאָגן, אַז ״להוסיף אורות באצילות״, איז דאָס ניט דיר פשט, אַז די אורות (זיינ) ווערן אורות דאצילות, נאָר דאָרטן איז דאָס מער ניט כמונח בקופסא [אַזוי (ווערט דער) שטייט דער לשון בּיים רבין מהר״ש, אַז דאָרט איז מער ניט ווי ״כמונח בקופסא״], וואָרום ס׳איז אַזוינע ענינים וואָס דאָס איז ניט פאַר אצילות; וואו איז דער אָרט פון אָט די ענינים? – איז דאָס דוקא אָט דאָ בתחתונים. וואָס אָט דערפאַר איז דאָך מבאר דער רבי נ״ע, אַז מ׳מוז זאָגן, אַז (דאָס איז אין עולמ) אַלע עולמות העליונים איז דאָס מער ניט ווי אַ **ירידה**, דערפאַר וואָס אַלע עולמות, אַ חוץ עולם הזה התחתון, איז דאָס מער ניט [ווי] אַן ענין פון **גילויים**, משא״כ אין עולם הזה התחתון, און דורך דערויף וואָס עלה נחת-רוח לפניו, אַז אויב ס׳וועט זיין דער ענין פון אתכפיא מיט אתהפכא, און פון וואָס? פון סטרא אחרא דוקא, [ווי דער רבי רעדט אין מאמר, אַז וואָס איז די גאַנצע עבודה, דאַרף באַשטיין, אַז מ׳זאָל מהפך זיין פון שטות דלעומת זה, זאָל מען **דערפון** דוקא מאַכן שטות דקדושה], איז אָט דאָס איז גורם אַזאַ ״נחת רוח לפני שאמרתי ונעשה רצוני״, אַז דאָס איז ממשיך דירה לו יתברך בתחתונים. איז פונקט אַזוי ווי אין אַ דירה איז דאָך דער אדם נמצא בכל עצמותו ומהותו, איז אָט אַזוי דוקא אָט דאָ בתחתונים איז אָט דאָס ווערט אַ דירה **לו** יתברך, אַז אָט דאָ ווערט נתגלה ניט נאָר דער ענין פון **גילויים**, נאָר דאָ איז אויך נמצא דער ענין פון **עצם**. במילא קאָן מען אויף דערויף זאָגן, אַז דאָס איז דער תכלית ירידת והשתלשלות כל העולמות.

[**אח״כ** אמר: מפסיק זיין מיט זאָגן לחיים. [בשיחה המוגהה: אח״כ הפסיק וצוה לנגן ניגון מכ״ק אדמו״ר מוהר״ש, ואח״כ ניגון מכ״ק אדמו״ר הצ״צ. אח״כ המשיך המאמר: והנה בסיום המאמר איז ער מבאר...]].

**ו) אַז** דאָס וואָס מ׳האָט דאָך פריער גערעדט, אַז דער עיקר שכינה בתחתונים איז געווען במקדש, און דער עיקר ענין המקדש איז דאָך געווען פון עצי שיטים, פון לשון שטות – איז אָט דאָס איז דער עיקר העבודה, אַז מ׳זאָל מהפך זיין פון שטות דלעומת זה, און פון דעם קאָך פון דעם נפש הבהמית, זאָל מען מהפך זיין אין שטות דקדושה. און אָט אַזוי איז דאָך – – דער רבי פלעגט דאָך אַלץ מאָנען **מעשה בפועל**, איז אַזוי איז אויך געווען די הוראה פון אַלע

נשיאים, און ס׳איז דאָך אַזוי ווי ס׳שטייט אין מדרש, אַז הקב״ה ״מגיד דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל״, אַז וואָס הייסט דער אויבערשטער טאָן אידן? – אָט דאָס וואָס ער אַליין טוט, אָדער **ער** טוט אָט דאָס וואָס ער הייטס אידן טאָן. און אָט אַזוי איז אויך געווען די הוראה פון די נשיאים, אַז אָט דאָס וואָס זיי האָבן געמאָנט ביי אונז אַלעמען, ביי זייערע מקושרים ושייכים אליהם – האָבן זיי אַליין געטאָן. און דאָס וואָס מ׳האָט דאָס אונז מגלה געווען – כדי אונז זאָל דאָס אָנקומען לייכטער. איז אָט דאָס ווייס מען דאָך וואָס מ׳האָט דערציילט פון דעם **אַלטן רבי׳ן**, אַז דער אַלטער רבי איז אַמאָל אַליין אַוועקגעגאַנגען, און האָט מפסיק געווען אין מיטן דאַווענען, און איז אַליין אַוועקגעגאַנגען און האָט אָפּגעהאַקט האָלץ, און האָט אַוועקגעשטעלט קאָכן אַ יַיכל, און האָט דערנאָך (אָנגעהיצט??) געגעבן עסן אַ יולדת. [(פאַר אַלעס) ס׳איז ניט געווען קיינער אין שטוב, איז ער אַוועקגעגאַנגען בקצה העיר און האָט אַליין אָנגעהאַקט האָלץ, און האָט אַליין אָפּגעקאָכט, און האָט אַליין איר געגעבן עסן]. אַזוי איז אויך דאָ כמה סיפורים פון דעם מיטלען רבי׳ן. בפרט ווייס מען דאָך אַ מעשה מיט איינער וואָס איז אַריינגעגאַנגען צום מיטלען רבי׳ן פרעגן (אַן עני) אַ תיקון אויף די ענינים אויף וועלכע יונגעלייט פרעגן, האָט אים דער מיטעלער רבי פאַרקאַטשעט דעם אַרבל און באַוויזן (ווי אַזוי ביי אים איז די) ווי אַזוי דאַר די האַנט איז, און האָט געזאָגט, אַז (הבא להלן אמר כ״ק אד״ש בקול חנוך מבכי) אָט דאָס איז ביי אים... אָט דאָס האָט מען ביי אים גורם געווען דורך אָט די ענינים (וואָס מ׳האָט) וואָס אַנדערע האָבן אין זיך. פאַרשטייט מען דאָך דעם ריחוק הערך וואָס איז געווען (צום) [פון] מיטלען רבי׳ן (בכלל) **בכלל** צו אנדערע, ובפרט צו אַזוינע וואָס האָבן אַ שייכות צו אַזוינע ענינים. זאָגט מען, אַז אעפ״כ איז ער געשטאַנען מיט אַזאַ התאחדות און מיט אַזאַ התקשרות מיט זיי, אַז אָט דאָס וואָס ביי זיי איז געווען שלא כדבעי למהוי – האָט דאָס ביי אים גע׳פועל׳ט, אַז ס׳איז געווען ״צפד עורו על עצמו״. און אַזוי איז דאָך אויך דאָ דער סיפור פון דעם צמח-צדק, וואָס דער רבי האָט דערציילט אַ סך מאָל, אַז נאָך פאַרן דאַוונען, האָט ער אָפּגעלייגט די אַלע ענינים זיינע, און איז געגאַנגען לייען עטלעכע רובל צו אַן איש פשוט, וואָס יענעם איז דאָס געווען נוגע פשוט אין פרנסה גשמית. אַזוי איז אויך דאָ דער סיפור וואָס דער רבי האָט דערציילט פון רבי׳ן מהר״ש עטליכע מאָל, אַז דער רבי מהר״ש איז ספּעציעל געפאָרן – – ער איז געווען אין אַ קור-אָרט, האָט ער ספּעציעל גענומען און אַוועק געפאָרן אין פּאַריזש, און דאָרטן פאַרבראַכט אַ זמן ארוך לפי-ערך, (און) כדי אין אַ האָטעל טרעפן אַ אידן, וואָס האָט ניט געוואוסט פון קיינע ענינים [ס׳איז דאָ דער סיפור בארוכה בזה], און ער איז צו אים צוגעגאַנגען און האָט אים געזאָגט: (אַ) יונגערמאַן, (, אַז) יין נסך איז מטמא את הנשמה. וואָס יענער איז בשעת מעשה געזעצן און געשפּילט אין קאָרטן. און דערנאָך איז ער אַוועקגעגאַנגען צו זיך צוריק אין צימער, און דערנאָך האָט יענער יונגערמאַן שוין ניט געקאָנט רוען און איז צו אים געקומען... און דערפון איז אויסגעוואַקסן דערנאָך אַ משפחת פון יראים וחרדים. וואָס מ׳ווייס בכלל אויף וויפל ביים רבי׳ן מהר״ש איז געווען בכלל זמן יקר.

[וואָס חסידות פלעגט ער זאָגן קורץ. – אַמאָל האָט דער רבי דערציילט, אַז אַכט אַזייגער אינדערפרי פלעגט שוין בײַ אים זיין נאָכן דאַווענען]. איז ער ספּעציעל געפאָרן (פון אַ מקום) למקום רחוק, כדי האָבן צוטאָן מיט אַ אידן וואָס ער ווייס אינגאַנצן ניט פון אידישקייט, און וואָס לכאורה האָט ער מיט אים קיין קישור ניט – האָט ער זיך אינגאַנצן אויף דערויף אָפּגעלייגט, כדי צו מהפך זיין דעם שטות דלעומת-זה מיט דעם קאָך פון דעם נפש הבהמית, און... מאַכן דערפון שטות דקדושה... און אַזוי איז אויך דאָ כמה סיפורים פון דעם רבי׳ן נשמתו עדן, וואָס איינער פון די סיפורים איז, [וואָס מ׳ווייס ניט אַז(!?) ס׳איז נאָך געווען בתחילת נשיאותו], האָט מען געדאַרפט דעמאָלט פאָרן אין מאָסקווע, וועגן מבטל זיין עפּעס אַן ענין פון אַ גזירה. איז געקומען צו אים צוגיין דער ברודער, [דער ברודער איז געווען אַן עלטערער פון אים און האָט געקאָנט שפות, האָט ער געקאָנט רעדט אויף רוסיש. און דער רבי נ״ע איז געווען אַזוי-זיך אין דעם פּרט], און האָט אים געזאָגט, אַז בײַ אים איז דאָך דער זמן טייער, און אין רוסיש קומט אים אָן שווער, און הכירות דאַרף ער ערשט זוכן – במילא וועט ער אים פאַרשפּאָרן די אַלע ענינים, און ער וועט פאָרן במקומו אין מאָסקווע, און וועט זען טאָן די גאַנצע השתדלות לויט די הוראות ווי ער וועט אים אָנווייזן. האָט דער רבי נשמתו עדן אויף דערויף ניט מסכים געווען, און איז אַליין געפאָרן, און וויפל ס׳האָט אים געקאָסט דאָרט געזונט און זמן און די אַלע איבעריקע ענינים – כדי מבטל זיין אַ גזירה פון אידן. וואָס ס׳האָט זיך געהאַנדלט ניט וועגן אַ גזירה **ברוחניות**, נאָר וועגן אַ גזירה אין **גשמיות**. און אָט אַזוי איז דאָך אויך דאָ סיפורים לאין קץ (פון דעם שווער) פון דעם רבי׳ן, פון שווער, אויף וויפל ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אינגאַנצן אָן אַ זייט כדי צו טאָן אַ אידן אַ טובה, ניט נאָר ברוחניות; אפילו בגשמיות. און וואָס פאַראַ אידן? – אַ אידן וואָס איז געווען לגמרי שלא בדוגמא און שלא בערך; אינגאַנצן ניט וואָס מ׳קאָן אים אָנרופן ״חברך בתורה ומצוות״, אָדער לכל הפחות וואָס ער איז שייך צו דעם זעלבן עולם.

**ז) פאַרוואָס** איז דאָס? דערפאַר וואָס אָט דאָס איז תכלית הכוונה פון דער גאַנצער עבודה.

וואָס די גאַנצע בריאת והשתלשלות העולמות איז דאָך געווען צוליב וואָס? כדי ס׳זאָל זיין דירה לו יתברך בתחתונים, זאָגט מען דאָך אויף דערויף, אַז דאָס איז נאָך אַ העכערער ענין ווי ס׳איז געווען קודם החטא דער עיקר שכינה בתחתונים היתה, וואָרום אויב אַזוי, איז וואָס איז געווען דער גאַנצער ענין פון דעם חטא מיטן תיקון החטא? – מוז מען דאָך זאָגן, אַז דעמאָלט וועט זיין דער דירה בתחתונים אין אַ **העכערן** אופן נאָך ווי ס׳איז געווען עיקר שכינה בתחתונים היתה. וואָס דערמיט איז דאָך דער רבי מסיים דעם מאמר, אַז דורך אָט דעם אופן העבודה וועט דערנאָך זיין דער גילוי ״אסתלק יקרא דקוב״ה **בכולהו** עלמין״, אַז ס׳וועט נתגלה ווערן דער אור הסובב כל עלמין. איז כאָטש אפילו דער רבי רופט אים אָט דאָ אָן מיט׳ן נאָמען ״אור הסובב כל עלמין״, קאָן מען דאָך מיינען, אַז דאָס מיינט מען מערניט [ווי] אָט דער אור וואָס איז בגדר פון עולמות, נאָר וואָס דען ער איז בגדר סובב אויף עלמין, איז

דערפון אָבער וואָס דער רבי פאַרבינדט דאָס מיטן ענין פון הסתלקות, וואָס הסתלקות איז דאָך מתקן אפילו, (און ווי ס׳שטייט אין אגרת הקודש) [ס׳איז דא צוויי אגרת׳ן וואָס זיינען פאַרבונדן (מיט פטירה) מיט אַן ענין פון הסתלקות, איז אין דער צווייטער שטייט דאָך אָט דער ענין וואָס דאָס איז מתקן אפילו] ענינים פון ג׳ קליפות הטמאות לגמרי, וואָס אפילו דער מקדש מיט אַלע קרבנות שבתוכו האָבן דאָס ניט געקאָנט העלפן דערצו, מערניט אַ ענין הנעשה **בחוץ**, פרה וואָס נעשית בחוץ. און דערנאָך איז אפילו אָט דאָס [האָט] אויך ניט געקאָנט העלפן, האָט מען געדאַרפט האָבן גלינו מארצינו, און אָט דאָ זאָל זיין דער ״קשה מיתת צדיקים״, וואָס אויף דערויף איז דאָך דאָ איין לשון אין מדרש ״**יותר** מחורבן בית-המקדש״, [איין לשון איז דא ״**כ**חורבן בית המקדש״, דערנאָך איז דאָ דער ״קשה סילוקן של צדיקים **יותר** מחורבן בית המקדש״], איז אָט דאָס האָט מען געדאַרפט אָנקומען דערצו, כדי ס׳זאָל זיין דער ״אסתלק יקרא דקוב״ה״, וואָס אויף דערויף איז דאָך דאָ אין די דרושים פון דעם אַלט׳ן רבין, מיט׳ן מיטעלן רבי׳ן, מיט׳ן צמח-צדק, מיט׳ן רבי׳ן מהר״ש, מיט׳ן רבי׳ן נ״ע, מיט׳ן רבי׳ן, אַז זיי טייטשן, אַז הסתלקות מיינט מען ניט ח״ו עליי׳ למעלה, נאָר וואָס דען, דאָס מיינט מען, אַז דאָ למטה געפינט זיך אַזאַ ענין, וואָס ער איז ניט אין אַ גדר פון המשכה. און אָט דאָס איז וואָס ס׳מאָנט זיך ביי יעדערן פון אונז, וואָס מיר אַלע זיינען דאָך אין דור השביעי פון דעם אַלט׳ן רבי׳ן, וואָס כל השביעין חביבין, כאָטש אפילו מ׳האָט דאָס ניט פאַרדינט און מ׳האָט דאָס ניט אויסגהאָרעוועט, נאָר וואָס דען, די גאַנצע חביבות איז, וואָס דאָס איז דור השביעי... איז האָט מען אויף אונז ארויפגעלייגט, (הבא להלן אמר כ״ק אד״ש בקול חנוק מבכי) אַז מיר זאָלן ממשיך זיין... מרקיע הא׳ למטה... און וואָס זאָלן מיר טאָן? מיר זאָלן זיך עוסק זיין מיט שטות דלעומת זה, און מ׳מאָנט ביי אונז וואָס זאָלן מיר טאָן מיט׳ן שטות דלעומת זה? אַז אָט דעם קאָך פון נפש הבהמית... וואָס ידע אינש בנפשי׳... אַז ער האָט דאָס... און ידע אינש בנפשי׳, אַז ער האָט די ענינים פון שטות און נאָך נידעריקער – זאָל מען דערפון מהפך זיין... און מאַכן שטות דקדושה.

**ח) און** אָט דאָס האָט מען אונז אויך געגעבן אָט דעם ענין... פון צדיקא דאתפטר... וואָס

לכאורה איז דאָך געווען געגוג העלמות והסתרים, און קושיות, און ניט-קיין-פאַרשענדיקע זאַכן אָן דערויף... האָט מען אָבער געזען, אַז דאָס אַלץ איז ניט מספיק... און מ׳דאַרף דאָך האָבן, אַז ס׳זאָל זיין אסתלק... [יקרא] דקוב״ה... בכולהו עלמין... (כאן בכה כ״ק אד״ש הרבה) און מ׳האָט אויך געגעבן דעם ענין פון ״סילוקן של צדיקים״... ניט נאָר דעם ענין וואָס דאָס איז ״**כ**חורבן בית המקש״... נאָר אויך ״**יותר** מחורבן בית המקדש״. אָבער דער **תכלית** הכוונה איז, איז דאָך מער ניט כדי ס׳זאָל זיין דער ״אסתלק יקרא דקוב״ה״. און אויף דערויף מאָנט מען ביי אונז מער ניט [ווי] אָט די הכרה, אַז מיר זאָלן אַלע וויסן, אַז מיר (זיינען) געפינען זיך אין דעם דור **השביעי**. וואָס פאַרוואָס ווערט דאָס אָנגערופן [אולי חסרה כאן תיבה] דור השביעי – דערפאַר וואָס מעלתו איז אָט דאָס וואָס ער איז שביעי לראשון. וואָס

וואָס איז געווען די הנהגה פון דעם ״ראשון״? אַז אפילו אַ ענין פון מסירות-נפש האָט ער אויך ניט געזוכט, ער האָט נאָר געוואוסט, אַז וואָס דאַרף זיין זיין ענין, אל תקרא וַיִקְרָא אלא וַיִקְרִיא״, אַז ער וועט קומען אין אַן אָרט וואָס מ׳ווייס ניט פון ג-טלעכקייט, וואָס מ׳ווייס ניט פון אידישקייט... מ׳ווייס אפילו ניט וועגן אַן אל״ף-ביי״ת... – איז אָט דאָרטן זאָל ער זיך אָפּלייגן אינגאַנצן אָן אַ זייט. און כאָטש אפילו מ׳קומט צו אים צוגיין און מ׳ווייזט אים אין תורה שבכתב, אַז דאָרטן שטייט בפירוש ״**וַיִקְרָא**״, אַז ס׳איז גענוג, אַז **ער** זאָל רופן – זאָגט מען אים ניין! ״**אַל** תקרא וַיִקְרָא״: אויב דו ווילסט, אַז דיך זאָל אַיינגיין דער ״ויקרא״... איז ״אלא **וַיִקְרִיא**״, דאַרפסטו זעען, אַז אָט די וואָס האָבן ביז איצטער פון גאָרנישט ניט געוואוסט, זאָלן זיי גיין אין די גאַסן און שרייען, אַז ״הוי׳ א-ל עולם״, אַז ניט עולם איז אַ באַזונדער זאַך [אַזוי שרייבט דער רמב״ן], אַז ניט עולם איז אַ באַזונדער זאַך און אלקות איז אַ באַזונדער זאַך, נאָר וואָס דען, דאָס איז מושל ושולט אויף עולם – נאָר וואָס דען, אַז דאָס און עולם איז די זעלבע זאַך.

**ט) און** אָט די הנהגה וואָס דער **ראשון** האָט אונז באַוויזן, און וואָס ס׳האָט אונז באַוויזן דער רבי, איז אָט דאָס מאָנט זיך פון (אָט דעם) יעדערן וואָס געפינט זיך אין דעם דור שביעי, אַז כאָטש אפילו ער פילט אין זיך ניט קיינע כחות, און פילט אין זיך ניט קיינע ענינים, און שרייט ״מי אני ומה אני״, און האָט ראיות אויף דערויף – זאָגט מען אים, אַז וויבאלד, אַז (דו ביסט) שלא בבחירתך ביסטו דער דור שביעי פון דעם און דעם, און פאַר דערויף האָט מען דיר אויסגעטראָטן די גאַנצע וועג, און מ׳איז דורך געגאַנגען ״והוא מחולל מפשעינו, ואת חלינו הוא סבל״, [איז פאַר]וואָס איז דאָס אלץ געווען? כדי ס׳זאָל זיין דער ״ורבים השיב מעון״. איז בשעת מ׳האָט שוין אויסגעטראָטן די וועג, איז דאַרף יעדערער פון אונז נעמען אויף זיך אָט דעם ענין העבודה, און מ׳האָט אים געגעבן כחות אויף דערויף, וואָרום ער איז דאָך אין דור השביעי, אַז ער דאַרף אין זיך וויסן פון זיין חביבות, (וואָס) וויפל מ׳האָט פאַר אים אויסגעגאָסן, און אָט דעמאָלט וועט ער קאָנען נעמען אַיינטייל און אויפטאָן זיין חלק אין אָט דעם ענין פון ממשיך זיין די שכינה למטה (בארץ הזו) בעולם הזה הגשמי והחומרי. און אָט דעמאָלט האָט מען דערפון אָט דאָס וואָס אפילו לפני החטא [איז] אויך ניט געווען, וואָס אָט דאָ שטייט דאָך, אַז ״ונשא מאד – אפילו מאדם הראשון״, אַז דער רבי, וואָס ער איז דאָך געווען פון בית דוד, וואָס ביי אים איז דאָך מקויים געוואָרן אָט די אַלע ענינים ״פון חלינו הוא סבל והוא מחולל מפשעינו״... איז אַזוי ווי ראה בצרתם... אָט אַזוי זאָל ער במהרה בימינו און בעגלא דידן קומען און אַרויסנעמען צאן מרעיתו פון דעם גלות הרוחני, און פון דעם גלות הגשמי, און פון דעם גלות הרוחני לאחר-זה, און זאָל אונז אַלעמען אַוועקשטעלן בקרן אורה. איז דאָס נאָך אַלץ גילויים. און דערנאָך זאָל ער אונז אַלעמען אַוועקשטעלן צוזאַמען מיט עצמות ומהות אין-סוף ברוך הוא. וואָס אָט דאָס איז די פנימיות הכוונה פון ירידת והשתלשלות העולמות, מיטן ענין פון דעם חטא מיט תיקון החטא, מיט דעם ענין פון ״סילוקן

של צדיקים״ וואָס איז ״**יותר** מחורבן בית המקדש״ – כדי, אַז ס׳זאָל דערנאָך זיין, דורך דערויף וואָס מיר וועלן מאַכן בתוך כל אחד ואחד מישראל, און מ׳וועט מהפך זיין דעם שטות דלעומת זה, און דערנאָך דעם קאָך פון נפש הבהמית – לשטות דקדושה, איז אָט דעמאָלט וועט זיין דער אסתלק יקרא דקוב״ה, אַז עצמות ומהות אין-סוף ברוך הוא, וועלן מיר זיך אַלע מתאחד זיין זיך מיט אים, דורך דערויף וואָס דער רבי במהרה בימינו וועט אונז אַרויסנעמען פון אַלע מיצרים וגבולים, און ס׳וועט זיין ״ובני ישראל יוצאים ביד רמה״, און מיר וועלן זוכה זיין (צו) במהרה בימינו צום ״אז ישיר משה ובני ישראל״, [אַז] ס׳זאָל זיין דער ״ה׳ ימלוך לעולם ועד״, און דערנאָך וועט מען דאָס פאַרטייטשן אויף תרגום ״[הוי׳] מלכותי׳ (עילאה) קאים לעלם ולעלמי עלמיא״, און דערנאָך וועט מען מסיים זיין [כאָטש אפילו דאָס שטייט ניט אין חומש, אָבער מ׳זאָגט דאָך דאָס אין נוסח התפלה], אַז ס׳וועט זיין ״ה׳ אחד ושמו אחד״, אַז ס׳וועט ניט זיין קיינע חילוקים צווישן הוי׳ מיטן שם. און דורך וואָס וועט דאָס זיין? – איז ווייזט אויס האָט מען אונז אויך דורכגעאַנגען אָט דעם ענין פון ״סילוקן של צדיקים״. וויבאלד אָבער, אַז דאָס איז מען שוין דורכגעגאַנגען, איז איצטער איז אין הדבר תלוי אלא בנו. און אָט דאָס האָט דאָך יעדערער פון אונז אָט דאָס וואָס מיר זיינען אַלע ״כל השביעין״, האָבן מיר דאָך אַלע אָט די חביבות, איז במהרה בימינו בעגלא דידן, ולמטה מעשרה טפחים, זאָלן מיר אַלע זוכה זיין... זיך זעען מיטן רבי׳ן, און ער זאָל אונז ארויסנעמען פון גלות הרוחני והגשמי, און ברענגען אונז צו דער גאולה שלימה במהרה בימינו אמן.